ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

**קובץ**
**שלשלת האור**

**היכל**
**תשיעי**

**שער**
**שלישי**

# דבר מלכות

•

**מאת**

כבוד קדושת

## אדמו״ר מלך המשיח מנחם מענדל שליט״א

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

•

**משיחות ש״פ שמיני, מבה״ח וער״ח אייר ה׳תנש״א**


יוצא לאור על ידי מערכת

**„אוצר החסידים״**

770 איסטערן פאַרקוויי — ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושתים לבריאה
**ה׳ תהא שנת פלאות בכל**
שנת המאה ועשרים לכ״ק אדמו״ר מלך המשיח שליט״א


**יחי אדוננו מורנו ורבנו מלך המשיח לעולם ועד**

בס"ד.

# פתח דבר

בזה הננו מוציאים לאור חלק משיחת כ"ק אדמו"ר שליט"א בש"פ שמיני, מבה"ח ועד"ח אייר שנה זו.

**מערכת „אוצר החסידים"**

ר"ח אייר, ה'תנש"א (**הי' ת**הא **ש**נת **נ**פלאות **א**ראנו)
שנת הצדי"ק לכ"ק אדמו"ר שליט"א,
ברוקלין, נ.י.

**לזכות**

## כ"ק אדמו"ר מלך המשיח שליט"א

**מהרה יגלה אכי"ר**

יה"ר שיראה רוב נחת מבניו – התמימים בפרט,
משלוחיו, חסידיו וכלל ישראל – בכלל
ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו הק'
ויבנה ביהמ"ק במקומו ויקבץ נדחי ישראל
בגאולה האמיתית והשלימה
נאו תיכף ומי"ד ממ"ש!

**יחי אדוננו מורנו ורבנו מלך המשיח לעולם ועד!**

## בס"ד. משיחות ש"פ שמיני, מבה"ח וער"ח אייר ה'תנש"א

א. דעם שבת האָט מען פאַרענדיקט דעם אַכטן מאָל לייענען פרשת שמיני דעם יאָר – ווי ס'איז מערערע מאָל באַטאָנט געוואָרן אין די לעצטע וואָכן, אַז היינטיקער יאָר לייענט מען פרשת שמיני („ויהי ביום השמיני") שמונה פעמים[1], וואָס דאָס האָט אין זיך די מעלה – כפתגם הידוע[2]: שמיני שמונה שמינה – אַ יאָר ווען מ'לייענט (פרשת) שמיני, שמונה – אַכט מאָל, וועט זיין שמינה, אַ „פעטער" יאָר אָנגעפילט בגשמיות וברוחניות.

וואָס דאָס איז איינשטימיג מיט דעם כללות'דיקן אויפטו פון דעם היינטיקן יאָר – אויף וועלכן אידן גיבן דעם סימן און נאָמען „הי' תהא שנת נפלאות אראנו" – אַ יאָר אויסגעצייכנט דערמיט וואָס ער איז „פעט" און אָנגעפילט מיט נסים ונפלאות פון דעם אויבערשטן וואָס קומען פאָר לעיני כולם, (אויך) אַלס הכנה צו די נסים ונפלאות פון דער גאולה האמיתית והשלימה וועלכע קומט תיכף ומיד ממש, „כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות"[3] – ווי גערעדט און אונטערשטראָכן פיל מאָל במשך דעם יאָר, ובפרט אין חודש ניסן, מלשון נס[4] און „נסי נסים"[5].

דערצו איז דער שבת אויך:

(א) דער ערשטער שבת נאָך פסח, ווען מ'הויבט אָן זאָגן[6] און לערנען[7] פרקי אבות בשנה זו (בשבתות שבין פסח ועצרת[8]), אָנהויבנדיק פון „משה קיבל תורה מסיני כו'"[9].

(ב) דער לעצטער שבת פון חודש ניסן היי יאָר (שנת אראנו נפלאות), און נאָכמער – דער סיום פון חודש ניסן (וואָס „הכל הולך אחר החיתום"[10]), וואָרום דער שבת איז ערב ראש חודש אייר[11], „מחר חודש".

(ג) דער סיום פון דער צווייטער פולער וואָך פון ספירת העומר („ארבעה עשר יום שהם שני שבועות לעומר"), ווי דער אויפטו פון קביעות שנה זו, אַז ספירת העומר הויבט זיך אָן „ממחרת השבת"[12] כפשוטו (וואָרום דער ערשטער טאָג פסח איז געווען שבת), וואָס דאָס טוט אויף אַן

---

1) במנחת שבת הגדול, בשני וחמישי בשבוע שלפני חג הפסח, במנחת שבת דיום ראשון דחג הפסח, ובמנחת שבת דאחרון של פסח, ובשני וחמישי שלאחרי הפסח, ובשבת זו.

2) ראה גם לקו"ש ח"ז ע' 297. ספר השיחות תשמ"ח ח"ב ע' 395. ע' 413 ואילך.

3) מיכה ז, טו.

4) ראה מדרש לקח טוב עה"פ בא יב, ב: ניסן שבו נעשו נסים לישראל. וראה ברכות נו, א ובפרש"י שם.

5) ברכות נז, רע"א ובפרש"י וחדא"ג מהרש"א שם.

6) כמ"ש אדה"ז בסידורו (במקומו) „נוהגין לומר פרקי אבות". ועד"ז הוא באבודרהם סוף סדר ימי העומר („לקרות"). ועוד. וכ"ה הלשון („לומר") בטואו"ח סרצ"ב (בנוגע לאמירת פרק"א בכל שבת).

7) ראה ספר הפרדס לרש"י (בפירוש התפלות). סידור רע"ג (בנוגע לכל שבת).

8) אבודרהם וסידור אדה"ז שם. ועוד – נסמן בספר „בין פסח לשבועות" פרק ה סכ"ח סק"ב (ע' קנט). – „ויש נוהגין כך כל שבתות הקיץ" – סידור אדה"ז שם. ועוד – נסמן בספר הנ"ל שם סק"א (ס"ע קנח).

9) אבות פ"א מ"א.

10) ברכות יב, א.

11) שמזה מובן, דיום המחרת (א' דר"ח), עם היותו נמנה ליום הל' דחודש ניסן (ראה שו"ע אה"ע סקכ"ו ס"ו) – שייך (גם) לחודש אייר.

12) אמור כג, טו.

עילוי אין דעם ענין ותמימות פון ספירת העומר — ווי עס שטייט אין מדרש[13]: „שבע שבתות תמימות תהיינה[12], אימתי הן תמימות . . כשיבוא פסח בשבת ויתחילו לספור במוצאי שבת, שאז השבתות הן תמימות", „שמתחילות באחד בשבת ו־מסיימות בשבת"[14].

און וויבאַלד אַז אין היינטיקער קביעות קומען צוזאַמען די אַלע זאַכן אין דעם שבת — (א) קריאת שמיני בפעם השמינית, (ב) מחר חודש, (ג) סיום שבוע השני פון ספירת העומר, (ד) התחלת אמירת ולימוד פרקי אבות — דאַרף מען זאָגן (וויבאַלד אַז אַלץ איז בהשגחה פרטית[15]) אַז זיי האָבן צווישן זיך אַ שייכות, ועוד ועיקר — אַ שייכות מיט דעם ענין פון „אראנו נפלאות". וכדלקמן.

**ב. דער עילוי פון „שמיני שמונה שמינה" — פאָדערט הסברה:**

„שמיני" איז (אויך) מלשון שומן (כידוע דער פירוש[16] אין „ביום השמיני עצרת"[17]). און זייענדיק אַ פרשה בתורה, פון וועלכע עס ווערט נמשך אַ הוראה ונתינת כח אויף כל השנה, איז פאַרשטאַנדיק אַז פון קריאת פ׳ שמיני (אפילו איין מאָל) ווערט נמשך „שמינה" (פעטקייט) על כל השנה.

שטעלט זיך די שאלה: וויבאַלד אַז „שמיני" אַליין איז ענינו שומן — איז וואָס פאַר אַ עיקר חידוש קומט אין דעם צו דורך דעם מספר הקריאות, אַז מ׳לייענט (די זעלבע פרשה און דעם זעלבן ענין פון) שמיני שמונה פעמים[18], אַז דוקא דעמולט זאָגט מען אַז עס וועט זיין „שמינה", אַ „פעטער" יאָר?!

קריאת שמיני שמונה פעמים איז טאַקע מוסיף הדגשה אין דעם ענין פון „שמונה" (שמינה), אָבער פון דעם לשון הפתגם איז משמע, אַז (אַ יאָר ווען) „שמיני שמונה" (מ׳לייענט שמיני שמונה פעמים) האָט אין זיך אַ חידוש לגבי שאר השנים (ניט בלויז אַ תוספת הדגשה) — אַז (דוקא דער יאָר וועט זיין) „שמינה"[19].

**ג. ויש לומר דער ביאור אין דעם:**

די באַזונדערע דערהויבנקייט פון „ויהי ביום השמיני" (יום „שמיני למילואים"[20]), באַשטייט אין דעם, וואָס אין דעם טאָג האָט זיך אָנגעהויבן די השראת ה־שכינה אין משכן — „היום ה׳ נראה אליכם, להשרות שכינתו במעשה ידיכם"[21], ביז אַז „וירא כל העם וירונו ויפלו על פניהם"[22].

און דער כח אויף דעם איז געקומען

13) פסדר״כ פ״ח. פס״ר פי״ח. קה״ר פ״א, ג. ראב״ן ספ״ו. ראבי״ה פסחים סתקכ״ו. רוקח סרצ״ה (הובא במ״כ לקה״ר שם). — וראה בארוכה לקו״ש חי״ב ע׳ 96 ואילך. חכ״ב ע׳ 145. שיחת אחש״פ לעיל [סה״ש תנש״א ח״א] ע׳ 447 ואילך.

14) פרש״י ד״ה חמשים יום — מנחות סה, ריש ע״ב.

15) כש״ט הוספות סקי״ט ואילך. וש״נ.

16) לקו״א להה״מ סי׳ רס (סח, סע״ב). או״ת להה״מ צה, ב. אוה״ת שמע״צ ע׳ א׳תתיז. סה״מ תרצ״ו ע׳ 41. וש״נ.

17) פינחס כט, לה.

18) היינו: באם היו קורין פרשת אחרת ח׳ פעמים — הי׳ בזה החידוש של שמונה (שומן), אבל בפ׳ שמיני הרי הענין דשומן הוא התוכן של פרשה זו (שמיני) עצמה.

19) אלא שענין זה נמשך (לא רק בחדשי שנה זו, עד פ׳ שמיני דשנה הבאה, אלא) גם בשנים שלאח״ז, עד לפעם הבאה שתבוא קביעות שקורין שמיני שמונה (ואז, תהי׳ ההמשכה באופן נעלה עוד יותר כו׳). וע״ד המבואר בלקו״ת (ברכה צח, ב) ש„מכל רגל ויו״ט הי׳ נמשך . . עד הרגל הבא לאחריו".

20) פרש״י ריש פרשתנו.

21) פרשתנו ט, ד ובפרש״י.

22) שם, כד.



משיחות ש״פ שמיני, מבה״ח וער״ח אייר ה׳תנש״א

מיוחד און אַ דרישה מיוחדת), און זיי קו־מען אָן אין ארץ ישראל, אויך אָן הגבלות (ניט ווי ס׳איז געווען בזמן לפני זה, כידוע ומפורסם) — וואָס דאָס איז צווישן די גילויים שלמעלה ממדידה והגבלה וואָס קומען פאָר נאָך בסוף זמן הגלות.

**טו. ובפשטות:**

יעדער איד, אנשים נשים און אפילו טף, האָט די אחריות צו מוסיף זיין אין זיין עבודה צו ברענגען משיח צדקנו בפועל ממש!

דערפון איז פאַרשטאַנדיק, אַז עס האָט קיין אָרט ניט אַז אַנשטאָט אַליין טאָן זאָל מען זיך פאַרלאָזן אויף אַנדערע אָדער אַרויפלייגן די אַרבעט אויף אַנדערע — נאָר דאָס איז די עבודה פון כל אחד ואחת, יעדערער דאַרף אַליין טאָן זיין עבודה „לשמש את קוני" (צוליב וועלכע „אני נבראתי"), און ס׳איז זיכער אַז ער האָט אויף דעם כחות (וואָרום „איני מבקש כו׳ אלא לפי כחן" כנ״ל).

און אין וואָס באַשטייט די עבודה — איז דאָס אויך בפשטות: אין מוסיף זיין ב־תורה ובמצוות, אין לימוד התורה — נגלה דתורה און פנימיות התורה, און אין קיום המצוות בהידור,

כולל ובמיוחד בענין שהזמן גרמא — קיום המנהג (ווי דער אַלטער רבי שרייבט בסידורו) צו זאָגן (און לערנען) פרקי אבות (נאָך תפלת מנחה[138]) בשבתות בין פסח ועצרת, ובכל שבתות הקיץ[139].

און נוסף צו אַליין מוסיף זיין בזה — דאַרף מען אויך משפיע זיין אויף אַנדערע זיי זאָלן מוסיף זיין [ובפרט אויב ביי אים (דער משפיע) אַליין האָט פריער געפעלט אין שלימות קיום עבודתו, דאַרף ער דאָך מוסיף זיין בזה כפליים לתושי׳, כולל דורך משפיע זיין אויף אַנדערע אין דעם], ובכללות העבודה פון הפצת התורה והיהדות והפצת המעינות חוצה וועלכע ברענגט במיוחד „אתי מר" דא מלכא משיחא[*139].

וכל זה — מתוך הצפי׳ והתשוקה וכו׳ חזקה צו דער גאולה[140] — „אחכה לו בכל יום שיבוא"[141], ווי מ׳זאָגט עס בכל יום בתפלה: „ותחזינה עינינו בשובך לציון ב־רחמים", און (בימי החול) — „את צמח דוד עבדך מהרה תצמיח". וכמדובר כמ״פ.

ויה״ר אַז דורך די אַלע החלטות טובות פון אידן בכל מקום שהם צו מוסיף זיין בעבודתם, ועאכו״כ דורך קיום ההחלטות בפועל — זאָל דאָס שוין פועל זיין פעו־לתו, און מיד, און ברענגען די גאולה ה־אמיתית והשלימה ע״י משיח צדקנו, וכימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות,

ועוד ועיקר — תיכף ומיד ממש.

138) ולהעיר מהמנהג המפורסם ללמוד ולחזור חסידות לאחרי תפלת מנחת שבת. אבל מובן, שזהו בהוספה על קיום דברי אדה״ז בסידורו בנוגע אמירת פרקי אבות בשבתות אלו.

139) ראה לעיל הערה 8־6.

*139) אגה״ק הידועה דהבעש״ט — נדפסה בכש״ט בתחלתו. ובכ״מ.

140) בל׳ חז״ל — „צפית לישועה" (שבת לא, סע״א). וראה רמב״ם הל׳ מלכים רפי״א: „כל מי שאינו מאמין בו (במלך המשיח), או מי שאינו מחכה לביאתו כו׳". וראה לקו״ש חלק ל׳ ע׳ 3־182. וש״נ.

141) נוסח „אני מאמין". וראה לקו״ש חכ״ג ע׳ 394.

יעקב רחל, די ד' רגלי המרכבה (גילוי אלקות שלמעלה מעולם), און ר"ת[130] „אני ה' רופאך"[131], אַז די ברכה ווערט נמשך אין טבע העולם (רופאך), אָבער אין אַן אופן שלמעלה ממדידה והגבלה קומענדיק פון „אני ה'", אַז געפינענדיק זיך אין אַן עולם און אין גלות וואו ס'איז שייך אַ מצב של חסרון („יפקד מושבך") וואָס דאַרף אָנקומען צו רפואה — ווערט „אני ה' רופאך" באופן אַז מלכתחילה „לא אשים עליך"[131*] — דער חיבור פון ביידע מעלות: נפלאות אין דעם העלם פון טבע און אין נסים.

ובפרט אַז דער שבת איז אויך די ספירה פון „מלכות שבגבורה", גילוי מלכא משיחא מתוך גבורת הגלות, און שבת פ' שמיני, ווען עס ווערט די שלימות פון „שמיני שמונה שמינה" — וואָס איז פאַרבונדן במיוחד מיט משיח צדקנו — דער „כנור של ימות המשיח" איז פון „שמונה נימין"[132], וואָרום דעמולט וועט זיין דער גילוי פון אלקות שלמעלה מעולם, די גאולה פון די מדידות והגבלות פון גדרי העולם, און צוזאַמען דערמיט ווי דאָס ווערט נמשך אין עולם („שמיני שמונה").

ביז אַז דאָס ברענגט גלייך דעם ענין פון תשיעי און פון עשירי יהי' קדש — די שלימות פון עשרה בגאולה האמיתית והשלימה („עלי עשור"[133]), „כנור של עשרה נימין"[132] (שלמעלה מכנור של שמונה נימין).

ובהדגשה יתירה — מצד דעם וואָס גלייך בתחלת חודש אייר, בב' אייר, איז דער יום הולדת פון דעם רבי'ן מהר"ש, וידוע הוראתו ונתינת כח שלו בענין „מלכתחילה אַריבער"[134] — וואָס ער איז דער דור הששי (פון דעם בעש"ט), חזקה בכפליים, און דערפון קומט מען דערנאָך צום דור השביעי, דור השמיני, ביז דורנו זה — דור התשיעי (ג' פעמים ג' חזקה), וואָס ווערט די הכנה קרובה — בלי הפסק כלל — צו עשירי יהי' קדש בגאולה האמיתית והשלימה.

יד. ובכל זה באַקומט יעדערער נאָכמער כח פון אתפשטותא דמשה[135] שבדורנו, כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, ובפרט אַז מ'האָט היינט געלייענט אין בית הכנסת שלו [וואָס איז אַ בית משולש: של מעשים טובים, תורה, און ועיקר — תפלה], ווי אין אַלע בתי כנסיות שבחו"ל באַ אידן — דעם אַכטן מאָל פ' שמיני, אַזוי אַז ס'איז געוואָרן „שמיני שמונה שמינה",

און פון דעם בית תפלה ווערט נמשך דער כח אויך מחוץ לבית זה, ביז בכל העולם כולו, אויך אין אַ פינה נדחת (בגשמיות וברוחניות) בעולם, ביז אַז עס ווערט „ביתי בית תפלה יקרא לכל העמים"[136], צוזאַמען מיט „מקבץ נדחי ישראל עוד אקבץ עליו לנקבציו"[137],

— ווי עס ווערט נתקיים מעין זה בזמנים אלו (שנת נסים ושנת אראנו נפלאות) — דער „מקבץ נדחי ישראל" פון מדינה ההיא בלי הגבלות (ניט ווי ס'איז געווען פריער אַז בכדי אַרויסגיין פון דאָרט'ן האָט מען געדאַרפט אָנקומען צו אַ יחוס

130) ראה חי' חת"ס לשבת קמז, ב. שער יששכר (להרה"צ כו' ממונקאטש) מאמר אייר (בשם סה"ק).

131) בשלח טו, כו.

*131) שם. וראה צפע"נ לרמב"ם הל' תשובה פ"ב ה"ב (בסופו).

132) ערכין יג, ב. ושו"נ.

133) תהלים צב, ד.

134) אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"א ע' תריז.

135) זח"ג רעג, א. תקו"ז תס"ט. וראה תניא פמ"ד (סג, א).

136) ישעי' נו, ז.

137) שם, ח.





(אויך) דורך דעם וואָס דאָס איז געווען ביום השמיני[23]:

עניני העולם (אויך שלימות העולם) זיינען אויסגעשטעלט אין מספר שבע. די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן אין שבעת ימי בראשית (זעקס טעג פון באַשאַף, און שבת וואָס האָט אַריינגעגעבן מנוחה אין וועלט[24], שלימות הבריאה) — די שבעת ימי ההיקף, אין וועלכע ס'איז אויסגעשטעלט זמן העולם וכללות סדר השתלשלות (שבעת ימי הבנין, שבע מדות), ווייל די צאָל שבעה ווייזט אויף דעם אור אלקי וואָס איז זיך מתלבש אין דער בריאה; „שמיני" ווייזט אויף דעם אור אלקי וואָס איז העכער פון התלבשות אין וועלט, בחי' שומר את ההיקף שלמעלה מסדר השתלשלות.

וואָס דערפאַר איז „ביום השמיני" געווען די השראת השכינה אין משכן: הגם אַז אויך פאַר דעם זיינען געווען אַ ריבוי פרטי עבודות בשבעת ימי המילואים, איז דאָס נאָך אַלץ געווען פאַרבונדן מיט אַ גילוי אלקות וועלכער איז בערך הבריאה, האָט עס ניט געהאַט דעם ענין צו אויפטאָן דעם „ושכנתי בתוכם"[25], גילוי השכינה אין משכן; דוקא ביום השמיני (וואָס „מספר זה מיוחד אליו ית'"[26]) האָט זיך אויפגעטאָן דער גילוי אלקות שלמעלה מהבריאה אין דעם משכן — „היום ה' נראה אליכם, להשרות שכינתו במעשה ידיכם".

דאָס איז אויך די שייכות פון „שמיני" מיט „שמינה" (שמיני מלשון שומן) — ווייל די המשכה אין אַן אופן פון „שומן", „פעטקייט" — מער ווי ע"ד הרגיל מצד גדרי העולם — קומט דוקא פון שמיני, שלמעלה מסדר השתלשלות.

ד. תכלית הכוונה איז, אַז אויך דער אור וואָס איז העכער פון השתלשלות („שמיני") זאָל ניט בלייבן בהבדלה פון עולם, נאָר דאָס זאָל נמשך ווערן בגילוי אין וועלט, אין אַן אופן אַז די וועלט, מצד אירע גדרים, זאָל אויפנעמען דעם גילוי.

דאָס הייסט, אַז עס זאָל זיין דער חיבור פון ביידע ענינים: דער גילוי שלמעלה ממדידה והגבלה, וואָס דאָס האָט די מעלה אַז דאָס איז העכער פאַר די הגבלות פון עולם — אין מדידה והגבלה, וואָס האָט די מעלה אַז דער מקבל ווערט דערצו אַ כלי צו אויפנעמען און קולט זיין דעם גילוי בפנימיות; עס ווערט דער חיבור פון בלי גבול און גבול.

[און נאָכמער: דער סדר העבודה בזה איז מלמטה למעלה, אַז פון דער מדידה והגבלה פון עולם, דערגרייכט מען אויך צו (אויפנעמען) דעם אור שלמעלה מגדרי העולם, כדלקמן ס"ו)].

וואָס אין דעם באַשטייט דער חידוש פון גילוי אלקות אין משכן ומקדש [און בתכלית השלימות — ווי עס וועט זיין אין בית המקדש השלישי] — ווי עס האָט זיך אויפגעטאָן „ביום השמיני" — „(ועשו לי מקדש) ושכנתי בתוכם"[25], השראת וגילוי השכינה, שלמעלה מגדרי העולם („לי"), אין דעם משכן גשמי, אין „מעשה ידיכם". און פון משכן ווערט עס נמשך בכל

23) בהבא להלן ראה כלי יקר ריש פרשתנו. שו"ת הרשב"א ח"א ס"ט — הובאו ונתבארו בד"ה ויהי ביום השמיני תרע"ח (ע' רסט ואילך). תש"ד (ע' 191 ואילך). תש"ה (ע' 167 ואילך). ועוד. וראה גם לקו"ש חי"ז ע' 93 ואילך. מכתב י"א ניסן ש.ז. (נדפס לקמן [סה"ש תנש"א ח"ב] ע' 893). ועוד.

24) כמארז"ל „מה הי' העולם חסר מנוחה באת שבת באת מנוחה" (פרש"י בראשית ב, ב. פרש"י מגילה ט, א (ד"ה ויכל). וראה ב"ר פ"י, ט ובמ"כ שם).

25) תרומה כה, ח.

26) כלי יקר שם.

העולם (ממנה אורה יוצאה לכל העולם[27]).

ווי דאָס איז געווען בגלוי אין ארון (וועלכער איז „עיקר החפץ במשכן"[28] — אַז „מקום ארון אינו מן המדה"[29]: אע״פ וואָס דער ארון (אין וועלכן עס זיינען געלעגן די שני לוחות הברית, הכוללים כל התורה כולה[30], וואָס אורייתא וקוב״ה כולא חד[31]) איז למעלה ממדידה והגבלה, „אינו מן המדה", האָט דער מקום הארון געהאַט אַ באַשטימטע מדה („אמתים וחצי ארכו גו'"[32]), און דער מקום איז געווען „אינו מן המדה" — צוזאַמען מיט דער מעלה פון בלי גבול אויך די מעלה פון גבול (וואָס קען אויפגענומען ווערן בגדרי התחתון).

און עד״ז קומט עס אַרויס אין דער עבודה פון אַ אידן: בכללות זיינען פאַראַן צוויי אופני וסדרי עבודה — אַן עבודה בצמצום ובמדידה והגבלה (דקדושה), און אַן עבודה שלמעלה ממדידה והגבלה. ויש בזה מה שאין בזה: די עבודה במדידה והגבלה איז בערך צו דרגת האדם, ער זאָל ווערן אַ כלי צו אויפנעמען אלקות בפנימיות מציאותו. און די עבודה שלמעלה ממדידה והגבלה („בכל מאדך"[33]) אַ כלי אויף אויפנעמען אלקות שלמעלה מהגבלת האדם („מאד" האמיתי); און די שלימות באַשטייט פון חיבור ביידע ענינים אין עבודת האדם: אויך אין זיין עבודה שלמעלה מהגבלה האָט ער די מעלה אַז דאָס ווערט נמשך בכלי ובפנימיות, און אויך אין זיין עבודה שבהגבלה האָט ער די מעלה פון „בכל מאדך".

ה. עפ״ז וועט מען פאַרשטיין דער אויפטו פון „שמיני שמונה" (קריאת שמיני שמונה פעמים), וואָס דעמולט איז דאָס „שמינה":

דער אונטערשייד צווישן „שמיני" און „שמונה" איז: „שמיני" איז אַ מספר סידורי, וואָס קומט טאַקע נאָך זיבן פריערדיקע, אָבער דאָס איז אַ באַזונדערע אַכטע — מציאות, וועלכע איז מובדל בערך פון די שבעה שקדמו לו. „שמיני" איז ניט לגמרי אַן ענין לעצמו, נאָר דאָס האָט אַ שייכות (און קומט בהמשך) צו שבעה (און נאָכמער: שמיני איז שייך דוקא נאָך דעם וואָס עס זיינען פריער דאָ שבעה); אָבער לאחרי וואָס עס קומט אַרויס דער ענין (יום) השמיני, איז דאָס (אויך) אַ באַזונדער מציאות, וואָס איז נבדל פון די שבעה. [ווי דאָס איז בנדו״ד — „ויהי ביום השמיני", דער יום שמיני למילואים, וואָס קומט נאָך די שבעת ימי המילואים, אָבער דאָס איז אַ באַזונדער, אַכטער טאָג, וואָס איז מובדל און העכער פון די פריערדיקע טעג — דער יום השמיני איז דער טאָג ווען ס'איז געווען אַ חידוש הכי עיקרי — די השראת השכינה אין משכן].

„שמונה" — אַכט — איז אַ מספר הכולל, דאָס איז כולל אַלע אַכט צוזאַמען, אויך די שבעה שקדמו לו[34]. שמונה איז דער

27) ירושלמי ברכות פ״ד ה״ה. וראה גם רש״י כת״י מנחות פו, ב.

28) רמב״ן ר״פ תרומה.

29) יומא כא, א. וש״נ.

30) ראה ירושלמי שקלים פ״ו ה״א. ועוד.

31) תניא פ״ד ורפכ״ג בשם הזהר. וראה הנסמן במאמרי אדהאמ״צ ויקרא ח״א ע' רפה. וראה זהר ח״א כד, א. ח״ב ס, א. תקו״ז ת״ו (כא, ב). תכ״ב (סד, א). לקו״ת נצבים מו, ב. ועוד.

32) תרומה כה, י.

33) ואתחנן ו, ה. וראה תו״א מקץ לט, ג־ד. דרמ״צ קכג, ב. קמ, ב. קס, ב. סה״מ תר״ס ע' קח. וראה ספר הערכים חב״ד ערך אהבת ה' — בכל לבבך, נפשך ומאדך ס״ד. וש״נ.

34) ע״ד האופן דספירת העומר שהספירה היא לא במספר סידורי (יום שני, יום שלישי וכו'), אלא במספר הכולל (גם הימים שלפניו) — „היום שני





העולם כולו לכף זכות וגרם לו ולהם תשועה והצלה".

און וויבאַלד אַז „אני נבראתי לשמש את קוני"[117] — יעדער איד, אנשים נשים וטף, און „איני מבקש כו' אלא לפי כחן"[118] [און ניט נאָר וואָס „מבקש כו' לפי כחן", נאָר דער אויבערשטער איז אויך מסייע אין דער עבודה ו„הקב״ה עוזרו"[119]] — איז פאַרשטאַנדיק אַז יעדער איד האָט די כחות צו טאָן „מעשינו ועבודתינו" לשמש את קונו,

און טאָן דאָס בשלימות — ניט בלויז אַלס אַ מסייע ועוזר צו אַ צווייטן, נאָר אַז ער אַליין טוט די עבודה, לפום שיעורא דילי', בשלימות: ביז אַז ער ווערט אַ „שותף להקב״ה" אין דער עבודה, וואָס אַ שותף אמיתי איז ניט בלויז מסייע וכיו״ב, נאָר ער איז אַ שותף אין אַלע פרטים וענינים און אין אחריות הדבר וכו'.

— וואָס דאָס איז אַלץ בהוספה אויף דעם וואָס אַ איד, זייענדיק אַ „חלק אלוקה ממעל ממש"[120], „חלק הוי' עמו"[121], האָט ער די גרעסטע כחות צו אויפטאָן די גרעסטע ענינים. ביז אַז ער האָט דעם ציווי „קדושים תהיו כי קדוש אני"[122], וכידוע דער פירוש[123] אין דעם אַז „יכול כמוני"[124] בניחותא.

יג. נוסף אויף כללות כח הנ״ל וואָס יעדערער האָט — קומט אין דעם אַלעם צו נאָכמער כח מצד כללות השנה — שנת אראנו נפלאות:

וויבאַלד אַז „אראנו", דער אויבערשטער אַליין באַווייזט נפלאות — ווערט אַלץ אַנטפּלעקט: סיי די נפלאות כפשוטן אין די הנהגה נסית, נסים גלויים ונפלאים, סיי די נפלאות וואָס זיינען דאָ (באַהאַלטן) אין דער הנהגה טבעית — כולל דער כח הפועל בנפעל — ווי דער אויבערשטער איז מהוה יעדער נברא מאין ליש בכל רגע ורגע מחדש[125], באופן נפלא, וואָרום „הוא לבדו בכחו ויכלתו לברוא יש מאין כו'"[126], ביז אויך די נפלאות וואָס זיינען דאָ אין דעם העלם והסתר פון עולם און גלות (ביז — בחי' ישת חושך סתרו), אַז דוקא דורך דעם ווערט „ונפקדת".

ומעין נסים ונפלאות אלו האָט מען שוין אָנגעהויבן זען איצטער בשנת אראנו נפלאות (כאָטש מ'איז נאָך אין גלות), ובפרט אין חודש אדר, און נאָכמער — אין חודש ניסן, מלשון נס ונסי נסים, און דער המשך דערפון אין חודש אייר.

ובהדגשה — שטייענדיק איצטער בסוף חודש ניסן, הבא לאחרי חודש אדר, און קרוב ממש צו תחלת חודש אייר: חודש אדר איז בכללות פאַרבונדן מיט נס פורים, וואָס איז אַ נס מלובש בטבע[126*]. און בחודש אדר איז „בריא[127] (תקיף[128]) מזלי'" וואָס בריאות איז אַ ברכה אין טבע. חודש ניסן איז פאַרבונדן מיט נסים גלויים שלמעלה מדרך הטבע. און דערפון קומט מען צו חודש אייר — ר״ת[129] אברהם יצחק

117) משנה ובריייתא סוף קידושין.

118) במדב״ר פי״ב, ג.

119) סוכה נב, ב. קידושין ל, ב. וראה תניא פי״ג.

120) תניא רפ״ב.

121) האזינו לב, ט.

122) ר״פ קדושים. וראה פרשתנו יא, מד.

123) מאור עינים עה״פ. וראה אוה״ת ר״פ קדושים. לקו״ש ח״ז ע' 321.

124) תו״כ עה״פ.

125) שעהיוה״א פ״א.

126) אגה״ק ס״כ (קל, ריש ע״ב).

*126) תו״א מג״א צג, סע״ג ואילך. שם ק, א. ובכ״מ.

127) תענית כט, ריש ע״ב.

128) גירסת הרא״ש שם.

129) מאו״א מערכת א' אות פד. ב״ש לאה״ע סקכ״ו ס״כ. מגלה עמוקות אופן קכא.

שטער „גיט זיך אָפּ אינגאַנצן" מיט „געדענקען" אידן, „פקוד פקדתי אתכם", און לייזט זיי אויס בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו; דוקא דורך דעם העלם הלבנה (וישראל הדומין ומונין ללבנה[111]) ווערט דער מולד הלבנה מחדש, „שהם עתידין להתחדש כמותה"[112].

ועוד ועיקר: דורך „מעשינו ועבודתינו כל זמן משך הגלות" ברענגט מען די גאולה — וואָרום הגם אַז מ'געפינט זיך אין דעם העלם והסתר פון גלות, מיט די אַלע מדידות והגבלות פאַרבונדן דערמיט (וואָס קומען מבחי' גבורה), דוקא אין דעם ליגט דער כח צו ברענגען די גאולה (מלכות שבגבורה), כנ"ל בארוכה.

וע"ד „כל המקיים את התורה מעוני סופו לקיימו מעושר"[113]. ועד"ז — דורך דער עבודה בעוני הגלות, אין עני אלא בדעת[114], באַקומט מען די עשירות אמיתית בדעת און די עשירות בפשטות — בגאולה האמיתית והשלימה.

ועאכו"כ לאחרי וואָס מ'איז שוין דורך און „יוצא געווען" די אַלע מדידות והגבלות פון „עוני" (בדורות שלפני זה), און איצטער האָט מען חירות והרחבה בפשטות פון מלכות האומות, און מ'קען לערנען תורה און מקיים זיין מצוות מתוך מנוחת הנפש ומנוחת הגוף [און דערצו איז צוגעקומען בדורות האחרונים אויך דער ענין פון „עושר" בתורה — דורך די הדפסה והפצה פון אַ ריבוי ספרים וואָס (חלקם) זיינען געווען גנוזים ביז איצטער].

ומטעם זה (די מעלה אין עבודה בזמן הגלות) — וועט אויך אין דער גאולה זיין ביידע מעלות, סיי מעלת הגאולה און סיי מעלת הגלות[115] (די מעלה פון עבודה מתוך אתכפיא, ומתוך מדידה והגבלה, „מעוני"). וע"ד האמור לעיל בנוגע צו דער שלימות אין „שמיני שמונה שמינה" — דער חיבור פון מעלת הבל"ג ומעלת הגילוי והגבול וההעלם [ועד"ז וועט דעמולט זיין אראנו נפלאות — סיי אין טבע און סיי אין נס, כדלקמן].

יב. דערפון האָט מען אויך אַ הוראה בנוגע צו דער עבודה פון אידן, ובענין שהזמן גרמא — צו ברענגען די גאולה האמיתית והשלימה:

אַ איד קען דאָך טענה'ן: וויבאַלד אַז ער איז אַ מדוד ומוגבל, כולל מצד די הגבלות פון טבע העולם, און חלק חשוב מהיום איז ער עסוק (ע"פ תורה) אין דברי רשות, אכילה שתי' שינה, און בפרט אין זמן הגלות ווען ס'איז דאָ כמה מדידות והגבלות והעלמות אויף עבודת ה' בשלימות וכו' וכו' — האָט ער לכאורה אפילו ניט דעם כח צו טאָן אַן עבודה קטנה יותר, עאכו"כ ניט דעם כח צו ברענגען די גאולה האמיתית והשלימה?!

זאָגט מען אים — אַז ביאת המשיח איז „תלוי במעשינו ועבודתינו כל זמן משך הגלות" דוקא, און וויבאַלד אַז די גאולה איז נאָך ניט געקומען איז דאָס גופא אַ ראי' אַז ס'איז תלוי אין „מעשינו ועבודתינו" פון דעם איצטיקן דור.

ואדרבה: דוקא דורך דער עבודה אין מדידות והגבלות און אין העלם והסתר (וואָס קומט פון גבורה) — דוקא אין דעם ליגן כחות נפלאים, וועלכע האָבן דעם כח צו ברענגען די גאולה. וכפס"ד הרמב"ם[116] אַז דורך אַ מצוה אחת האָט אַ איד בכח ל„הכריע את עצמו ואת כל

111) סוכה כט, א. ב"ר פפ"ו, ג. זח"א רלו, ב.

112) נוסח קידוש לבנה — סנהדרין מב, א.

113) אבות פ"ד מ"ט.

114) ראה נדרים מא, א. כתובות סח, א.

115) ועד שנאמר „אודך ה' כי אנפת בי" (ישעי' יב, א).

116) הל' תשובה פ"ג ה"ד.



משיחות ש"פ שמיני, מבה"ח וער"ח אייר ה'תנש"א

טייטש אַז מ'האָט אַלע אַכט צוזאַמען. ואדרבה: דער טאָג הויבט זיי אַלע אויף צו (דער דרגא פון) שמונה, אַז אַלע זאַכן (אויך די ערשטע זיבן) זיינען אַ חלק פון „שמונה".

ועפ"ז יש לומר אַז „שמיני" און „שמונה" צוזאַמען זיינען מרמז אויך אויף דעם כח צו מחבר זיין די צוויי ענינים הנ"ל אין דעם גילוי אלקות במשכן — בלי גבול און גבול: בכדי עס זאָל זיין דער חיבור פון גבול און בלי גבול (עולם און למעלה מעולם), דאַרף אין בלי גבול (דרגא השמינית) עצמו זיין ביידע ענינים. און דאָס איז דער אונטערשייד צווישן „שמיני" און „שמונה": „שמיני" איז (בעיקר) דער ענין פון בלי גבול[35], און „שמונה" איז ווי בלי גבול איז אין זיך כולל (די מעלה פון) גבול (שבעה). „שמיני" גייט בעיקר אויף דעם גילוי שלמעלה מהשתלשלות (שומר את ההיקף), און „שמונה" איז מדגיש ווי דער גילוי (שלמעלה מהשתלשלות) איז כולל און ווערט נמשך אויך אין די שבעת ימי הבנין פון סדר השתלשלות, אין כל פרט ופרט — א', ב', ג', ד', ה', ו', ז' און דערנאָך ח' — ווי זיי ווערן אַלע אויפגעהויבן און ווערן „שמונה".

און דאָס איז דער אויפטו פון דעם יאָר ווען „שמיני שמונה" — אַז „שמיני" שטייט (אויך) אין אַן אופן פון „שמונה", מ'לייענט „שמיני" שמונה פעמים: ווען מ'לייענט פ' שמיני נאָר איין מאָל (אָדער אפילו דריי מאָל) וכיו"ב, באַווייזט עס בעיקר אויף דער גילוי פון שמיני שלמעלה מעולם (אָפּגעזונדערט פון שבעה); בשעת מ'לייענט עס אָבער שמונה פעמים, איין מאָל, אַ צווייטן מאָל, אַ דריטן מאָל וכו' ביז — אַן אַכטן מאָל (בשבת זו), וואָס שמונה איז כולל אַלע (אויך די שבעה) — דעמולט קומט אַרויס דער גילוי פון „שמיני" אויך אין יעדערע פון די — און אין אַלע — שבעה פרטים (דרגות) פון דער בריאה, און דערנאָך בתכלית השלימות — דעם אַכטן מאָל (וואָס דוקא דעמולט לייענט מען (אויך) כל הפרשה כולה), אַזוי אַז מ'האָט די שלימות פון „שמיני" שמונה פעמים — די מעלה פון „שמיני" צוזאַמען מיט דער מעלה פון „שמונה", וואָס איז כולל אויך די שבעה[36].

און דעריבער ווערט דורך דעם — „שמינה", אַ „פעטער" יאָר: די אמת'ע שלימות פון שומן („פעטקייט") איז דוקא ווען מ'האָט דעם חיבור פון „שמיני" און „שמונה", „שמיני" אין אַן אופן פון „שמונה", בלי גבול און גבול — וואָס דאָס באַווייזט אַז דאָס קומט פון דעם עצם (שלמעלה מבל"ג ומגבול), וואָס דאָס איז דער ענין פון שומן (ושמן), דער תמצית און עסענץ[37] פון אַלע ענינים, וואָס נעמט דורך אַלע פרטים ופרטי פרטים — כידוע אַז שומן איז „מפעפע בכולן"[38].

ו. נאָך אַן ענין אין דעם:

דער אופן ווי מ'דערגרייכט, מ'קומט

ימים", „שלשה ימים" וכו'. וראה תו"א מקץ לד, ב. סהמ"צ להצ"צ כח, א.

35) אלא שב„שמיני" גופא נכללת גם השייכות לגבול, כי שמיני בא בהמשך להענינים של שביעי.

36) וראה לקו"ש ח"ז ע' 297, שח' פעמים ויהי ביום השמיני הוא בדוגמת המשכת הבינה (ע"י תק"ש) בכל הגבולין (לקו"ת ד"ה להבין כו' יו"ט של ר"ה ס"ה — נז, ב ואילך), ב' בחי' דשער הנו"ן (לקו"ת ד"ה מעט תוס' ביאור על ענין וספרתם — במדבר יב, א ואילך), ובכללות הוא מה שבבינה גופא הוא ג"ר — ולא ז"ת — שכללותם הוא ספירת הבינה וכידוע בענין ותבוא בעדי עדים קה"ק (לקו"ת ד"ה אלה פקודי — ד, ד ואילך).

37) ראה אוה"ת בלק ע' תתקכו.

38) יו"ד סק"ה ס"ה. וראה חולין צז, רע"א. וראה גם שיחת ערב פסח (לעיל [סה"ש תנש"א ח"א ע' 429).

צו דעם גילוי פון „שמיני״ (שלמעלה מהגבלת העולם) — איז דוקא דורך דער עבודה מלמטה למעלה אין מדידה והגבלה פון עולם, אין די שבעה דרגות — א׳, ב׳, ג׳, ד׳, ה׳, ו׳, ז׳, ביז מ׳דערגרייכט שמונה [ווי דאָס איז בפשטות — אַז שמונה קומט דוקא דורך דעם וואָס פריער זיינען דאָ שבעה]. והטעם לזה — ווייל דוקא דורך דער עבודה במדידה הגבלה ווערט מען אַ כלי אויף צו קולט זיין העכערע גילויים, ביז דער גילוי פון שמיני און שמונה. וואָס דערפון איז מובן אַז די עבודה במדידה והגבלה איז פאַרבונדן (בשרשו) מיט גאָר אַ הויכע דרגא (העכער ווי דער שרש הבל״ג).

וע״ד ווי דאָס איז אין „מקום ארון אינו מן המדה״: דער „אינו מן המדה״ איז געקומען דוקא דורך דעם וואָס דער ארון האָט געהאַט אַ מדה[39]. וואָלט דער ארון ניט געווען אין דער גענויער מדה וואָס איז מפורש בתורה, וואָלט ניט געווען קדושת הארון בשלימות, וועלכע איז כאשר ציווה ה׳ את משה.

דוגמא לדבר בקיום המצוות — אין מצות מעשר (ש„מפריש אחד מעשרה מן הנשאר״[40]): דער דין באַ מעשר איז אַז „אין מעשרין באומד אלא במדה או במשקל או במנין״[41] [ניט ווי באַ תרומה, וואָס „אין תורמין תרומה זו לא במדה ולא במשקל ולא במנין[42] . . אלא אומד ומפריש בדעתו כו׳״[43]]. און נאָכמער באַ מעשר בהמה (ש„מצות עשה להפריש אחד מעשרה כו׳״[44]), וואָס אַ חלק פון גוף פעולת המצוה איז דער מנין: „מונין א׳ ב׳ ג׳ ד׳ ה׳ ו׳ ז׳ ח׳ ט׳, והיוצא עשירי . . אומר הרי זה מעשר״[45], וכמ״ש[46] „העשירי יהי׳ קדש לה׳״.

ד.ה. דער גילוי פון „עשירי יהי׳ קדש״, „קדש מלה בגרמי׳״[47], וואָס איז בהבדלה ושלא בערך (גרמי׳) פון אַלע ענינים — דערגרייכט מען דוקא דורך מנין (עבודת האדם[48], „מונין א׳ ב׳ . . ט׳״.

וי״ל שעד״ז איז דאָס אויך בנוגע צו „ויהי ביום השמיני״, אַז דער גילוי פון שמיני קומט נאָך די שבעת ימי המילואים. און דאָס שטייט נאָכמער בגלוי ובהדגשה בשנה זו ווען „שמיני שמונה״, מ׳לייענט שמיני שמונה פעמים, פעם אחר פעם ביז (מ׳ציילט) שמונה פעמים[49], ווען מ׳האָט בפועל ובגילוי „שמיני שמונה״.

אַזוי אַז מ׳האָט די מעלה פון קריאת פ׳ שמיני בכל השמונה פעמים — ובפרטיות: פעם הראשון — די מעלה פון פתיחת והתחלת הענין פון קריאת „ויהי ביום השמיני״ בשנה זו; פעם השני — די מעלה פון כפליים לתושי׳[50]; פעם השלישי — מעלת

39) ראה גם לקו״ש חט״ו ע׳ 186.

40) רמב״ם ריש הל׳ מעשר.

41) רמב״ם שם פ״א הי״ד. ומקורו מאבות פ״א (הפרק דשבת זו) מט״ז: ואל תרבה לעשר אומדות (כמצויין בכס״מ לרמב״ם שם). — השקו״ט והדיעות בזה, ראה בארוכה תויו״ט לאבות שם.

42) תרומות פ״א מ״ז.

43) רמב״ם הל׳ תרומות פ״ג ה״ד. וראה גם ביצה יג, ריש ע״ב. וש״נ. ירושלמי תרומות שם ה״ד.

44) רמב״ם הל׳ בכורות רפ״ו.

45) משנה בכורות נח, ב — לדעת ת״ק. וכ״ה ההלכה — רמב״ם הל׳ בכורות רפ״ז.

46) בחוקותי כז, לב.

47) זח״ג צד, ב. וראה סידור עם דא״ח ר, ג ואילך. ועוד.

48) ראה לקו״ש ח״ז ע׳ 362 ואילך. חי״ז ע׳ 333. וש״נ.

49) משא״כ בקריאת פ׳ שמיני עצמה (פעם אחת וכיו״ב) — אף שיום השמיני בא לאחרי ובהמשך העבודה בשבעת ימי המילואים — עיקר ההדגשה היא על מעלת יום המיוחד דיום השמיני (ולא כ״כ ההמשך להשבעה שקדמו), כנ״ל בפנים.

50) ל׳ הכתוב — איוב יא, ו. וראה שמו״ר רפמ״ו.





פון תגבורת החיות, גאולה שאין אחרי׳ גלות[101], „ה׳ ימלוך לעולם ועד״.

י. עפ״ז יש לומר די שייכות פון דעם שבת מיט „מחר חודש״ — וואָס אין אַזאַ קביעות, ווען „שמיני שמונה שמינה״, און די ספירה בשבת זו איז דער סיום פון מלכות שבגבורה (לאחרי וואָס די ספירה האָט זיך אָנגעהויבן „ממחרת השבת״ כפשוטו, תמימות שבתמימות ע״ד „שמיני שמונה״) — איז דער שבת אַלעמאָל ערב ראש חודש אייר:

דער ענין פון „מחר חודש״ איז פאַרשטאַנדיק פון תוכן ההפטורה[102] — „ויאמר לו יהונתן מחר חודש ונפקדת כי יפקד מושבך״[103]: „ונפקדת״ איז „לשון זכרון״ און „יפקד״ איז „לשון חסרון״[104], און „ונפקדת כי יפקד מושבך״ איז דער טייטש[104] — אַז „כי״, דורך דעם וואָס „יפקד מושבך״, „שיהי׳ מושבך (של דוד) חסרה שאתה יושב בה״, וועט זיין „ונפקדת״, „אבי יפקדך (מלך שאול וועט דיר געדענקען) וישאל היכן אתה״. וואָס דאָס איז דער קשר מיט „מחר חודש״: בערב ראש חודש ווערט דער העלם והסתר הלבנה, ביז אַז ברגע שלפני המולד בלייבט ניט איבער אפילו אַ נקודה („יפקד מושבך״ פון דוד, מלכות, שרש הלבנה), און דורך דעם ווערט דערנאָך (מחר —) חודש, מולד הלבנה מחדש („ונפקדת״)[105].

וואָס דאָס איז ע״ד דער ענין הנ״ל פון „מלכות שבגבורה״[106]: דוקא דורך „יפקד מושבך״, דער העלם והסתר (פון גבורה), ווערט „ונפקדת״, דער זכרון וגילוי ענין המלכות (בית דוד), ביז די שלימות בזה — דוד מלכא משיחא בגאולה האמיתית והשלימה, וואָס גאולה איז פאַרבונדן מיט דעם ענין פון „ונפקדת״, ווי דער אויבערשטער האָט געזאָגט משה׳ן (במצרים)[107] „פקוד פקדתי אתכם״, וואָס „סימן זה מסור בידם מיעקב ומיוסף שבלשון זה הם נגאלים, יעקב אמר[108] ואלקים פקוד יפקוד אתכם, יוסף אמר להם[109] פקוד יפקוד אלקים אתכם״ (און „מכיון שתאמר להם לשון זה ישמעו לקולך״)[110], וכימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות בגאולה האמיתית והשלימה.

יא. ע״פ הנ״ל איז אויך מובן די שייכות פון די אַלע ענינים [„שמיני שמונה שמינה״, התחלת פרקי אבות, סיום „שני שבועות לעומר״, און „מחר חודש״] מיט דער גאולה האמיתית והשלימה, וואָס דאַרף שוין מיד קומען, ובפרט שטייענדיק בשנת הי׳ תהא שנת אראנו נפלאות, און אין איר גופא — בסיום חודש ניסן, און אַריינגייענדיק באַלד אין חודש אייר:

אע״פ וואָס מ׳געפינט זיך אין דעם העלם והסתר פון גלות — איז אדרבה: דוקא דורך דעם וואָס „יפקד מושבך״, אַ איד (וואָס האָט בחי׳ דוד שבו) געפינט זיך ניט במקום מושבו האמיתי, סמוך על שולחן אביו, אין ארץ הקודש בירושלים עיר הקודש בביהמ״ק — איז דוקא דורך דעם ווערט „ונפקדת״, אַז דער אויבער־

101) מכילתא עה״פ בשלח טו, ב. תוד״ה ה״ג ונאמר — פסחים קטז, ב. ועוד.

102) ולא כדעת האומרים שהשייכות דהפטורה זו לערב ר״ח היא רק מפני זה שסיפור ההפטורה אירע ב„מחר חודש״.

103) ש״א כ, יח.

104) פרש״י עה״פ.

105) ראה ד״ה ויאמר לו יהונתן תשכ״ח (סה״מ מלוקט ח״ה ע׳ רמג ואילך). וש״נ.

106) ראה ד״ה ויאמר הנ״ל בסופו, שע״י „יפקד מושבך״ עצמו נעשה „ונפקדת״ — גילוי מעלת הגוף (שלמעלה משרש הנשמה).

107) שמות ג, טז.

108) ויחי נ, כד.

109) שם, כה.

110) פרש״י שמות שם, יח.

החזקה[51] [וואָס איז בהדגשה בכלל בשנה זו, כמדובר לעיל[52]]; פעם הרביעי — כנגד די ד' רגלי הכסא שלמעלה והשולחן, וד' רגלי המרכבה, וואָס דורך דעם ווערט דער קיום חזק בעמידת השולחן[53]; פעם החמישי — כנגד בחי' „החמישית לפר־עה"[54], וואָס „אתפריעו ואתגליין מיני' כל נהורין"[55]; פעם הששי — [נוסף אויף חזקה (שלשה) בכפליים, אויך —] די שלימות הבריאה (שנבראה בששת ימים); פעם ה־שביעי — די מעלה ושלימות פון „מנוחה" וואָס קומט צו אין שלימות העולם (ביום השביעי[24]), אַזוי אַז מ'האָט די שלימות פון אַלע שבעת ימי בראשית (אין וועלכע עס שטעלט זיך אויס סדר השתלשלות, כנ"ל ס"ג); ביז די שלימות בפעם השמיני — של־מעלה מסדר השתלשלות, כנ"ל בארוכה.

ולהוסיף, אַז שמיני איז (בכללות) כולל אויך תשיעי ועשירי[56]; און דעריבער, פון שמיני קומט מען דערנאָך אויך צו תשיעי, ג' פעמים חזקה, וואָס תשיעי ווערט אַ הכנה הכי קרובה — תיכף ומיד בלי הפסק — צו העשירי יהי' קדש [משא"כ די פריערדיקע דרגות, פון א' ביז ח', אע"פ אַז פון זיי ווערט אויפגעמאַכט עשירי, איז אָבער דאָ אַ הפסק ביניהם], כולל די שלי־מות פון גאולה וואָס איז פאַרבונדן מיט עשירי (כדלקמן סעיף יא).

## ז. דער כח צו ממשיך זיין די שכינה

למטה „ביום השמיני" איז געקומען דוקא דורך משה רבינו[57], ע"י תפלתו „ויהי נועם ה' אלקינו עלינו[58], יהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם"[59] — וואָרום משה, האָבנדיק אין זיך די ביידע ענינים פון בלי גבול און גבול[60], איז דער ממוצע המחבר „בין ה' וביניכם"[61], וועלכער גיט דעם כח צו ממשיך זיין אלקות שלמעלה מעולם אין עולם (ווי דאָס איז געווען אין משכן).

ווי אונטערשטראָכן אין התחלה פון פרקי אבות (וואָס מ'הויבט אָן לערנען דעם שבת פ' שמיני, כנ"ל ס"א) — „משה קיבל תורה מסיני ומסרה כו'": משה איז דער מקבל התורה פון דעם אויבערשטן אַליין („ומסרה וכו'", און די משנה איז ממשיך אויסרעכענען דעם סדר המסורה פון קבלת התורה מדור לדור[62]), און דורך אים — קומט אָן די תורה צו יעדער איד און אַלע אידן („תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב"[63]);

וואָס דורך תורה (שקיבל משה מסיני) — חכמתו ורצונו של הקב"ה[64], ואורייתא וקוב"ה כולא חד — דער ארון הברית מיט השם — ווערט די השראת השכינה (אלקות

(51) „בתלת זימני הוי חזקה" (ב"מ קו, ריש ע"ב. וש"נ).

(52) ראה מכתב י"א ניסן ש.ז. (נדפס לקמן [סה"ש תנש"א ח"ב] ע' 904). ועוד.

(53) ראה צפע"נ עה"ת ר"פ ויצא (ממו"נ ח"ב פ"י). וראה לקו"ש חי"ז ע' 202 ואילך. חי"ח ע' 322 ואילך. ועוד.

(54) מקץ מז, כד.

(55) זח"א רי, א.

(56) כידוע שבינה כוללת הג"ר, קדש הקדשים (ראה הערה 36).

(57) ולהעיר שמשה — שהוריד השכינה למטה בארץ — הוא דור השביעי (שהש"ר רפ"ה), וכל השביעין חביבין (כפי שמוסיף בהמשך ההילולא רד"ה באתי לגני ה'שי"ת). וזהו ע"ד משנת"ל בפנים שגילוי בחי' שמיני הוא דוקא ע"י העבודה דשבעה.

(58) תהלים צדי"ק, יז.

(59) פרש"י פרשתנו ט, כג. וראה גם פרש"י פקודי לט, מג. פרש"י עה"פ תהלים שם. וראה תו"ש עה"פ פקודי שם (אות לד). וש"נ.

(60) ראה שיחת ש"פ צו, שבת הגדול (לעיל [סה"ש תנש"א] ח"א ע' 399 ואילך).

(61) ואתחנן ה, ה. וראה סה"מ תרנ"ט ע' קצ ואילך.

(62) ובפרטיות — ארבעים דורות (כמבואר ומ־פורט בהקדמת הרמב"ם לספרו היד).

(63) ברכה לג, ד.

(64) ראה תניא פ"ד־ה.





## ט. עפ"ז וועט מען אויך פאַרשטיין די שייכות מיט דעם סיום פון „שני שבועות לעומר" בשבת זו (פ' שמיני):

מיט דעם סיום פון „שני שבועות לעו־מר" ענדיקט זיך (די עבודה אין) די צוויי קוים פון חסד און גבורה (בשבוע הראשון — חסד שבחסד ביז מלכות שבחסד, און בשבוע השני — חסד שבגבורה ביז מלכות שבגבורה), ד.ה. אַז מ'האָט די שלימות פון ביידע ענינים, חסד און גבורה — וואָס אין די צוויי קוים („מימינים ומשמאילים"[88]) טיילן זיך בכללות[89] כל הענינים[90], אָנהוי־בנדיק אין תורה (מימינו אש גו'), „אלו אוסרים ואלו מתירין כו'" (כנ"ל בנוגע צו הלל ושמאי), און דערפון ווערט עס נש־תלשל אין עולם, ובשרשו למעלה — דער קו הבלי גבול און דער קו ההעלם והגבול (כנ"ל).

ובפרטיות — איז דער סיום פון „שני שבועות לעומר" (חסד וגבורה) מיט מלכות שבגבורה: נוסף צו דעם פירוש הפשוט בזה אַז מלכות שבגבורה איז אַ פרט אין גבורה — איז אין דעם אויך דאָ דער רמז[91], אַז פון גבורה ווערט נתגלה דער ענין המלכות — דער גילוי פון „ה' ימלוך לעולם ועד"[92], „והי' ה' למלך על כל הארץ גו'"[93], „והיתה לה' המלוכה"[94], בגאולה האמיתית והשלימה; ואדרבה — גילוי מלכותו ית' אין אַן אופן פון גבורה (מלכות שבגבורה) — תגבורת החיות[95], ע"ד דער ענין פון „מחי' המתים" וואָס קומט מבחי' „אתה גבור"*[95] (בברכה שני' דתפילה, כנגד גבורה[96]).

דאָס הייסט — אַז אין דעם שבת (דער סיום פון „שמיני שמונה שמינה") ווערט נתגלה די מעלה וואָס איז דאָ אין גבורה (דקדושה), אין דעם ענין ההעלם והגבול — דער ענין המלכות — גאולה — שב־גבורה[97].

ביז אַז דאָס ווערט נתגלה אפילו אין גבורה בפשטות, אין דעם העלם והסתר פון עולם בכלל, און פון גלות במיוחד — ווי דאָס נעמט זיך מבחי' ישת חושך סתרו. ביז אַז עס ווערט נתגלה דער מלכות (גאולה) שבגבורה — דער גילוי פון קץ הגאולה (וואָס לבא לפומא לא גליא[98], שלמעלה מגדר גילוי), וכידוע אַז דורך אַריינשטעלן דעם אל"ף פון אלופו של עולם אין גלות (גולה) — דורך „מעשינו ועבודתינו כל זמן משך הגלות"[99] וואָס אין דעם איז „תלוי"[99] די גאולה — ווערט פון גלות גופא — גאולה[100]. ואדרבה — ווי־באַלד אַז דאָס קומט דורך דעם העלם והסתר פון גלות, איז דער גילוי פון דער גאולה האמיתית והשלימה אין אַן אופן

(88) לשון הכתוב — דה"א יב, ב.

(89) אף שבפרטיות נחלקים לג' קוים (כנ"ל בפנים). ובפרטיות עוד יותר — לד', ה', עשרה, וכיו"ב.

(90) ראה ספר הערכים חב"ד שבהערה 74 ס"ז. וש"נ.

(91) ולהעיר מהמבואר בכ"מ (ראה שער היחוד פמ"ז), שממלכות שבחסד נעשה חסד שבמלכות וכו', וכן בנדו"ד — שממלכות שבגבורה, נעשה גבורה שבמלכות.

(92) בשלח טו, יח.

(93) זכרי' יד, ט.

(94) עובדי' בסופו.

(95) ראה תו"א נח ט, ג.

*95) ראה תו"א מג"א קיז, ג. אוה"ת לך לך פו, ב.

(96) יהל אור ע' קיא.

(97) כידוע שלע"ל יהי' גילוי המעלה שבגבו־רות, ולכן תהי' הלכה כב"ש (מק"מ לזח"א יז, ב. לקו"ת קרח נד, סע"ב).

(98) זו"ח בראשית ח, א. מדרש תהלים ט, ב. וראה גם סנהדרין צט, א. — וראה סה"ש ה'תש"נ ח"ב ע' 397.

(99) תניא רפל"ז.

(100) ראה ויק"ר ספל"ב. לקו"ת בהעלותך לה, ג. ועוד.

שלמעלה מהבריאה) אין דעם משכן; און דורך תורה — האָט אַ איד בכח צו ממשיך זיין אלקות אין וועלט, ביז אויך אלקות שלמעלה מהבריאה.

און דער כח וואָס משה האָט אויף דעם קומט דערפון וואָס „משה קיבל תורה מסיני" (כידוע דער דיוק[65] וואָס עס שטייט „מסיני" און ניט „מהקב"ה"[66] וכיו"ב) — וואָס „סיני" איז „מכיך מכל טורייא"[67], און משה האָט מקבל געווען תורה „מסיני", ער האָט זיך אָפּגעלערנט „מסיני", אַז ער איז געווען בתכלית הביטול, „מכיך מכל טורייא", וואו נאָר אַן ענין פון גבהות (אפילו) דקדושה — איז ער געווען „מכיך" מזה, „עניו מאד מכל האדם אשר על פני האדמה"[68]; און זייענדיק בטל בתכלית צו דעם אויבערשטן האָט ער דעם כח צו זיין „קיבל תורה מסיני", מקבל האמיתי, וואָס ווערט דער ממוצע המחבר צו איבערגעבן תורתו של הקב"ה צו אידן.

ח. ובפרטיות יותר — יש לומר אַז דער ענין (דער חיבור פון בל"ג וגבול) איז מרומז אויך בשמו של משה [דער ערשט־ער וואָרט פון משנה וכל המסכתא: „משה קיבל תורה כו'"]:

משה איז ר"ת „משה שמאי הלל"[69], כ־נגד די ג' קוים, קו הימין (חסד), קו השמאל (גבורה) און קו האמצעי (תפארת): שמאי און הלל זיינען כנגד די ב' קוים פון שמאל וימין שבתורה („מימינו אש דת למו"[70]), וואָס דערפאַר איז בית שמאי מחמירים און בית הלל מקילים, „אלו אוסרים ואלו מתירין אלו פוסלים ואלו מכשירין"[71] כידוע[72]; און משה איז כנגד דעם קו האמצעי, וועלכער איז כולל און מחברביידע קוים[73].

דער שרש פון בלי גבול און גבול ל־מעלה איז — חסד און גבורה[74] [ובזה גופא — חסד וגבורה שבתורה, „מימינו אש דת למו"]: פון חסד ווערט נמשך די השפעה שלמעלה ממדידה והגבלה, און פון גבורה (וצמצום) — די השפעה מצומצמת, לפי הגבלת וכלי המקבלים; און משה — קו האמצעי (וואָס איז תכלית הביטול) — איז כולל ומחבר ביידע קוים (דערפאַר איז דער סדר אַז אין „משה" קומט פריער דער מ' — ר"ת משה (קו האמצעי) און דערנאָך ש"ה, ר"ת שמאי הלל, שמאל וימין[75]).

און דער כח אויף דעם קומט דערפון וואָס באַ משה זיינען פאַראַן ביידע ענינים — כנרמז בשמו משה ע"ש „כי מן המים משיתיהו"[76]: צוזאַמען דערמיט וואָס משה האָט געהאַט די מעלה פון גילוי (חסד) — „משיתיהו" (וואָס על שם זה בעיקר ווערט ער אָנגערופן „משה"), אַז ער האָט עובד געווען עבודתו בגילוי (על היבשה), האָט ער אין זיך אויך די מעלה פון „מן המים (משיתיהו)", דער גילוי פון די ענינים נעלמים שבמים — דער גילוי כח ההעלם

65) ראה גם לקו"ש ח"א ע' 277. ביאורים ל־פרקי אבות ע' 12 ואילך.

66) שהרי הפירוש „מסיני" הוא — „ממי שנגלה בסיני" (רע"ב. הובא בתויו"ט שם).

67) מדרש תהלים סח, יז.

68) בהעלותך יב, ג.

69) ראה מגלה עמוקות אופן עד.

70) ברכה לג, ב. וראה אגה"ק ס"י. סי"ג.

71) משנה יבמות יג, ריש ע"ב.

72) ראה זח"ג (רע"מ) רמה, א. אגה"ק סי"ג. לקו"ת קרח נד, סע"א ואילך. שה"ש מח, ב ואילך. ובכ"מ.

73) אוה"ת קרח ס"ע תשיז.

74) ראה ספר הערכים חב"ד ערך אוא"ס (ד) ס"ג. וש"נ.

75) והטעם שמקדים שמאי להלל — נוסף על מחז"ל שהלל ענותן הי' לכן הקדימם (עירובין יג, ב) — יש לומר, מפני המעלה שבכח הגבול (גבורה) לגבי כח הבלי גבול, כדלקמן.

76) שמות ב, י.





וכח הגבול פון דעם אויבערשטן וואָס שטייט אין גבורה, ביז בחי' „ישת חושך סתרו"[77], דער העלם העצמי שלמעלה (וואָס פון דעם קומט דער העלם פון עולם)[78], כידוע אַז מים (מי הים), וואָס פאַרדעקט און באַהאַלט דאָס וואָס געפינט זיך בתוך הים, איז מרמז אויף דעם כח ההעלם (צמצום) פון דעם אויבערשטן[79] וואָס דערפון קומט דער העלם והסתר פון טבע העולם וואָס איז מסתיר אויף אלקות, טבע מלשון „טובעו (מכוסה ומוסתר) בים סוף"[80].

ואדרבה: דער שרש פון משה (אויך ווי ער שטייט בגלוי בעולם) איז „מן המים", ע"ד המדובר לעיל אַז דוקא דורך מדידה והגבלה (וואָס שרשו איז העכער פאַר שרש הבל"ג) קומט מען צו אויפנעמען אויך דעם גילוי הבל"ג.

און וויבאַלד אַז באַ משה (קו האמצעי) איז געווען תכלית הביטול (ע"ד „מכיך מכל טורייא") איז ער מגלה די מעלה פון ביידע קוים, ביז אַז ער איז זיי כולל ומחבר — בלי גבול („שמיני") און גבול („שמונה") ושניהם יחד, וואָס דאָס גיט דעם כח צו ממשיך זיין די השראת השכינה (שלמעלה מעולם) למטה בעולם — דער ענין פון „שמיני שמונה שמינה".

און פון משה ווערט נמשך דער כח אויף דעם צו יעדער איד — ובפרט אַז בכל אחד מישראל איז דאָ בחי' משה שבקרבו[81], וואָס פועל'ט אויף זיין עבודה בפועל (אַז באַ יעדער איד'ן „יראה מילתא זוטרתי היא"[82]) — ווי ס'איז געווען בזמן הקמת המשכן, אַז תפלת משה האָט גע־פועל'ט „תשרה שכינה במעשה ידיכם", און „וירא כל העם וירונו ויפלו על פניהם" — ביטול בתכלית (אויך פון „פניהם", בחי' פנימיות האדם); און פון דור ההוא ווערט עס נמשך אין כל הדורות, כידוע אַז יעדער דור (ובפרט דער דור שיצא ממצ־רים) איז כולל אַלע דורות שלפניו ושל־אחריו[83].

ובפשטות — אַז פון משה ווערט נמשך דער כח צו יעדער איד צו זיין בבחי' „משה קיבל תורה מסיני", און אַלס מקבל התורה זאָל ער נתאחד ווערן (ב„יחוד נפלא כו'"[64]) מיט דער תורה און מיט דעם נותן התורה — ישראל אורייתא וקוב"ה כולא חד[84], ביז באופן פון „והיו[85] עיניך רואות את מוריך"[86] (וואָס מעין זה איז געווען באַ מ"ת[87]). און דורך דעם — זאָל נתגלה ווערן די מעלה פון בלי גבול און פון גבול און פון שניהם יחד.

77) תהלים יח, יב.

78) ראה סה"מ מלוקט ח"ד ע' קפז. ועוד.

79) וממנו נשתלשל עלמא דאתכסיא, שעל זה קאי „מן המים משיתיהו" של משה, ששרש נשמתו הוא „מן המים", עלמא דאתכסיא. ועלמא דאתגליא נשתלשל מכח הגילוי (חסד) שלמעלה.

80) בשלח טו, ד. וראה אוה"ת שה"ש ע' שטו. סה"מ תרע"ח ע' פט. תרפ"ט ע' 43. תרח"צ ע' קסז. וראה סה"מ מלוקט ח"ו ע' מט. הובא בלקו"ת ראה כב, ג.

81) תניא רפמ"ב.

82) ברכות לג, ב.

83) שמכיון ש„כל אחד ואחד חייב לומר ב־שבילי נברא העולם" (משנה סנהדרין לז, סע"א), ו„בראשית . . בשביל ישראל שנקראו ראשית" (פרש"י ר"פ בראשית. ובכ"מ), דקאי על כל ישראל שבכל דור ודור — הרי שקיום העולם במשך כל הדורות היא ע"י עבודתם של בנ"י שבדור שבהווה. וא"כ, עבודת כל דור שייכת וכוללת עבודת כל שאר הדורות.

84) ראה זח"ג עג, א.

85) ישעי' ל, כ.

86) ולהעיר מדברי כ"ק אדמו"ר (מהורש"ב) נ"ע „אַז מען זיצט ביי זיך אין חדר און מען עפענט דעם לקו"ת פילט מען עצמות א"ס" (סה"ש תש"ה ע' 85. ועד"ז סה"ש תש"ג ע' 63), „ידעתיו הייתיו" (ראה לקו"ש חכ"ז ע' 263).

87) תניא פל"ו (מו, א).